STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01786

IN MAYN SHTOT BRISK

Herman Gold

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

הערמאן גאָלד

אין מיין שטאָט בריסק

א רינג אין פיראונצוואנציג לידער

פארלאג לעבען
נויארק, 1920

Copyright 1920

by

Noach Steinberg

א.

איך גיב א פאטש מיין חלום און רײם אויף די אויגען,
אזוי זעה איך דעם נייעם פריהמאָרגען.
און אזוי ווי דער חלום איז געווען אזוי שען,
אזוי שען איז געווען דער פריהמאָרגען.
און אזוי ווי די אויגען זיינען אין חלום נאָך פארפלאָנטערט,
אזוי ווער איך אינגאנצען פארשלונגען אין מיין מאָרגען,
וואָס וועבט זיך מיט מיר, פון מיר און צו מיר,
אזוי ווי די ליכט פון די ליכט צו די ליכט,
פון מיין נעכטען און היינטיגען מאָרגען.

ב.

מיין געזאנג צו דעם חלום, ער איז אזוי שען,
ווייל ער איז געוועזען ווען איך בין געווען!

ג.

אין בריסק, אין דער שטאָט וואו פייערס פון גאָט
האָבען צוריסען אלטע דורות און אלטע וועגען,
און נייע איבערגעמאכט.
אין בריסק, אין דער שטאָט וואו אלץ ווערט פארשלינגען
אין א ווייט הימעלנאכט,
און פארגעסען אין אלטקייט,
און ווערט ווידער אלט
צום נייעם פריהמאָרגען.
אין בריסק, אין דער שטאָט וואו אלץ איז אלט,
און שטעהט אין געשיכטע. —
דאָרט אויף דעם הויף,
אין מיטען א שוהל,
און צום מזרח, אין רב'ס הויז
מיר זיצען, מיר מאכען געשיכטע.

ד.

איז עדות די שוהל, געפייערט אין פייערם,
דריי מאָל פאר אונזער אויג,
אין די לעצטע צוויי יאָהר צעהנדליג;
עדות די ספרים, וואו עס ליגען אין די בלעטער
גרויע האָר פון דעם אלטען רבי חיים,
און צו לענגערע יאָהרען, פון אייניקעל, און ווייטער,
וואָס טראָגען דעם זעלביגען נאָמען.

עס פייערט די זון וואָס געהט אונטער אין מערב
און שפיגעלט זיך אין שוהל פענסטער פאר אונזערע אויגען. —
אן עדות: —
ווי עס ברענט אין אונז דער גרויסער דער אלטער, דער
אייביג יונגער באגעהר,
די אידישע תורה און דער אידישער גייסט
זאָל זיין געהייליגט, ווי די גרויסקייט פון דער וועלט
פון מזרח ביז מערב,
ווי די גרויסקייט פון דעם גאָט אין מזרח-ביז-מערב,
ווי די גרויסקייט פון דאָס גרויסע וואָס ברענט און ברענט
און ווערט ניט פארברענט,
און מיר טראָגען עס מיט אונזערע הענט.

ה.

בײַ מיר אין דעם צימער, וואו א פּאַס מאָרגענליכט
איז מסתּמא געפאַלען אויף דעם חלום-געוועב, —
דאָרט שטעהט דאָך אין ווינקעל דאָס קעסטעל פאַרשלאָסען,
מיט יענע פּאַפּירען פאַרשריבען מיט בלײַ.
איך האָב זיי אמאָל געלייענט צו מיינע צוויי פריינד
מנחם און האַלפּערין,
און זיי ווייסען: אַנ'אַרטיקעל מיט פּרעטענזיעס
צו אידישע פּאָעזיע. —
ווי אַזוי זיינען די בלײַשריפטען היינט אין בילדער געקומען,
און געוויקעלט זיך אין פאַרביגען נאַכטפאַל פון בריסק?

.ז

אזוי זאָגט דער רב, און זיין ווייסע באָרד רעגט זיך, —
די ווייסע באָרד האָט שוין גענוג איבערגעלעבט
די טעג פון טענות און פארלאנגען: —
וואָס ווילען די גוים, דער ערב רב פון אונז,
מיט די געגאָלטע מאָרדעס און מעשענע קנעפּלעך?
געטריבען צו אונז מיט א קנוט און רוט שאנד,
זיי ווילען אונז געהן זוכען א לאנד,
פאר דעם אידישען גייסט?
צו זעהען זיי בעטלער אין אייך? מיר זיינען רייך,
און פרעמדע דארפען ניט זוכען פאר אונז.
זאָלען זיי אוועק פון אונזער טיש,
מיט זייערע גויאישע ווייבער און גויאישע שפּראכען,
וואָס זיינען געקומען צו אונז!

ז.

און מיר, אונזער יונג הארץ געהט דאָך אוים
צו דאָס נייע וואָרט. נייע כחות, פרישע,
אזוי פיעל געהען אָפּ, אזוי וועניג קומען צו,
אָבער זיי זיינען דאָך פרעמד צו אונז,
קענען דאָך אונזער לשון ניט,
שוין ניט רעדענדיג די נשמה, די נשמה פון פאָלק,
אזוי רייך אין גייסט, און פאר זיי אזוי אָרעם,
פאר זיי אזוי נאקעט, אזוי אלט ברודיג נאקעט,
אזוי שמוציג דאָס הייליגסטע און שענסטע ביי אונז!

ח.

רעדען מיר, ווערען מיר הייסער, און אויגען ווערען גרעסער,
און דער געוועגליכער צימער אזוי גראמער און ווייסער,
און פון גאס, וואו עס ציהט זיך פון הימעל א נאכט,
קומט א יום טוב געפוצטע ווייל פון ערוואַרטונג.
טונקעל און טינקלער. א פּאָר שטערען אין פענסטער
זאָגען אָן: מעריב צייט געקומען.
עס רעגט זיך א ליכט־פּאַס הינטער א ווייס זייד פרוכת.
ברענגט עמיצער סטרינאַווע ליכט, גאז לאמפּען,
זונען פון טאָג, צו גאָר די גרויסע וועלט ליכט? —
ווייל דאָרט ווארפען זיך און שלינגען זיך
איין גרויסע ליכט אין א גרעסערע,
און די גרעסערע אין א גרעסערע,
און אזוי גיך, אזוי פיעל ליכט, אז מיר קענען ניט כאַפּען
אונזערע רעגונגען אונטער זיי.

ט.

שאַרט זיך אַפּ דער ווייס זיידענער פּרוכת-פאָרהאַנג,
און מיר זעהען די נשמה פון יום טוב:

9.

אונזערע טישען אזוי פלוצלינג, אזוי באצויגען
מיט ווייסע טישטיכער, טיי, און זילבערנע לעפעלעך נעבען זיי,
זון אנטקעגען קומט ארויס
הנה'לע דעם רב'ס, מיט איהר רייץ אזוי הייטעל,
מיט איהר גלאנץ אזוי גאלאנט, און ארום גלאנץ,
ווי א צירונג וואס געהט דאך צוזאמען —
צוויי זילבערנע לייכטער, מיט ווייסע זילבערנע ליכט,
וואס שיסען אזוי שטראליג ווי א חלום אין א חלום,
ווי אזוינס וואס אויגען האבען גארניט געזעהן —
און אויערען הערען א שפראך, און ווערטער געבויט אזוי
פורעמדיג,
צי איז די ליכט, די ווערטער, זיי ברענען דאך!

טורעם פון פייער אויף טורעם פון פייער;
צו איז דאָס א טורעם, און צו זיינען דאָס ווערטער?—
ווערטער וואָס זיינען נאָך קיינמאָל ניט נאקעט
געשטאנען אין פרעכטיגען בויג און בוי
אזוי דיכטעריש, ליכטעריש, ניכטעריש,
אזוי פריי, אזוי ניי,
און מיט ליכט אין די הענט, אין די אויגען, צו אונז
זאָגט זי און זינגט זי א ליד.

יא

רעגען זיך, בייסען זיך אלע שפּיץ פינגער,
און יעדער וואָרט וואָס פאלט ווארפט זיך ווי א שלאנג,
און די לופט צאפּעלט זיך.
גרוילען אלע אויערען וואָס זיי הערען פון ווערטער,
צו זיינען דאָס ווערטער, צו ניט ?—
ווייל איהר נשמה ברענט אין יעדען וואָרט,
ווייל יעדער וואָרט ברענט אויף יעדען אָרט,
דאָ און דאָרט,
ווייל יעדער אָרט ברענט מיט איהר נשמה און בלוט,
און אונזער נשמה און בלוט מישט זיך גיך אוים
אין דעם פייער פון וואָרט און בלוט,
און ווערט גיך אונזער פייער. אונזער וואָרט.

יב.

יענע ווערטער, מ׳קען זיי נאָר הערען אין חלום,
און מען קען זיי קיינמאָל ניט גערענקען.
ווייל מיט די אויגען דארף מען זעהען דעם ברען
פון זייער פייער,
מיט אויגען געפאנגען אין חלום.
יענע אידישע מיידעל, מען קען זי קיינמאָל ניט זעהען,
מיט איהר רייץ ניט פון גאס און פון טאָג,
מיט דעם בראנד פון א גרויסע, א אידישע הארץ,
וואָס אָטעמט שוין מעכטיג, ווען די זאם לעגט אוועק
דעם אָנזאָג פון נייַ אידיש דור. —

יג.

יענע אידישע מיידעל, יענער אידישער בראנד, —
די מיידלעך פון אלטע, גאָר אלטע צייטען,
אָדער די ווייטע, די ניי-נייע וואָס קומען.
א קינד פון א הויז דורות-לאנג אונטער זונען און הימלען
געצערטעלט און געוואַרעמט, און געקיהלט זיך און
געעלטערט זיך,
און ווידער זיך באנייט. היים בלוט, הייסער פון פייער.
דערפאר זידט דאָס ליד.

יד.

מיר הערען און ווערען צוריסען פון הערצען,
ווייל מיט יעדען ברעם-בויג פון איהר ווייך אויג
שניידט זיך א פאסשטיק פון איהר נאקעטען פארגאנגען
פון איהר ניט לאנגען לעבען און פיהלען (אזא
לעבען, אזא פיהלען!),
צווישען אונז און מיט אונז,
דאָס לעבען פון אונזער א גליד פארדעקט
פון אונז,
מיט אונזער אייגען פלייש און בלוט,
און פארפיהרט, מיט אונזער שולד,
און פארנארט, און גענארט, מיט אונזער ליגען פון לעבען,
מיט אונזער פאלשען אָנשטעל פון גלויבען אין זיך,
און אויסגעהן אין גייסטיגען הונגער.

טו.

מיר הערען —
מען קען דאָך ניט געדענקען די ווערטער,
אָבער דאָס איז וואָס זיי האָבען געלאָזען צו מיינען: —
איהר האָט אלצדינג, מענער,
און איהר האָט אויך אונז, מענער.
און אלץ איז פאר אייך געמיינט און געמאכט,
טאָג און נאכט. לערנען און לעבען, און נייע וועלטען
אויסגעקלערטע,
און מיר זיינען רייך, ווען מיר זיינען מיט אייך,
און אליין, זיינען שען, אזוי אָרעם,
אָהן גאָרניט, מיט אונז, מיט אייך אין אונז;
אָהן גייסט, מיט אונז, מיט אייער גייסט אין אונז;
און אייער גייסט שיינט צו אונז, פון אייך צו אונז,
און אונזער לוסט איז פון אייך, און אָהן אייך פוסט,
און אונזער לעבען, און אונזער נאכט און טאָג
איז פול מיט אייך, אזוי פוסט מיט אונז!

טז.

ווערט נאָך א פּרוכת פאר אונזער אויגענבליק,
און ער שארט זיך אויף צום ווייז פון איהר
זילבער ליכטיג פינגער,
און דאָרט זיצט איהר אינגער חתן, נאָך די זיבענטעגמאָלצייט,
צווישען ליכט וואָס צינדען זיך, און בינדען זיך ארום איהם,
און געהען אוים צווישען נייע ליכטער וואָס ווייהען
מיט ווינטען, וואָס צערען די ליכטען גיך אוים,
און די ווינטען, מיט איהם צוזאמען,
ווערען פלאמען,
וואָס שלינגען איהר שטים, איהר רוף, איהר געזאנג
מיט איהר הארץ,
ביז א רויך-וואָלקען פארשלינגט אלץ אין שווארץ.

יז.

אין דער פינסטער זעהן מיר ערשט, ווי עס ווייסט זיך
פון איין ביז צווייטען וואנד,
צווישען אונז און איהר, וואָס לאָזט שטיל איהר שטים פאלען,
נאָך א ווייטער ווייסער פאַרהאנג.
וואָס פלאטערט אונטער ווינט, אונטער לופטיגע רעגונג,
וואָס הויבט אויף די שטילע שטים
אויף א טאָן העכער, א טאָן העכער, און העכער.
אזוי קומט מיט די העכערע טענערגעזאנגען ארוים
איהר ווייס ליכט זילבער האנד,
און שארט אָפּ די וואנד,
און די ווייכע אויגען אזוי ביטער שיסען
מיט האס צו א ווינקעל, וואו מיר ווערען גערימען
מיט גרויל, אז דער מח צושניידט זיך אין צוויי,
און זי שטעהט שוין אין ווינקעל, און נעבען איהר ליגט
אויף א בעט, צווישען פארוואָרפענע קישענס און צוריסענע
פעדערען,
א מענש מיט אָפענע אויגען, טויט.

יח.

מיר ווייסען שוין אלץ, נאָך איידער מיר ווייסען. —
אונזער האנט האָט פארגאָסען דאָס בלוט!
אונזער זינד. ליכט צאנקט, און האלז שטיקט,
און באלד ווערען מיר אין אונזער אייגען שרעק
דערשטיקט. — דאָס איז דאָך א חלום,
דער געזאנג פון שרעקען און זינד!
גענוג זיך שטיקען מיט די אייגענע פינגער,
גענוג זיך געריסען צו בלוט פון גלות פון וואָרט! —
אזוי קומט באוואוסטזיין, און מיט איבערמענשליכע כחות
צוריים איך אין מיטען מיין חלום.

יט.

אין צימער ביי מיר אין בעט. סוף נאכט ביי מיר אין פענסטער.
פינסטערניש אין די ווינקעלעך און חלום צוזאמען
מישען זיך אין פלאָנטער פאר מיין אויג.
א וויים געשטאלט, א האלב געשטאָרבען וואָרט
פארשווינדט אין שאָטען מיט א באנגען עכאָ אין מיין צימער.
אזוי מאך איך ווידער צו די אויגען, און אזוי קום
איך צוריק,
צו זעהען דעם סוף פון דעם חלום. —

כ.

אין דעם זעלביגען פלאטער־פלאָנטער, אין דעם זעלביגען
טונקעל,
און מיר אלע אין דעם זעלביגען ציטער.
און ווידער זי ציהט דעם זעלביגען פאָדעם,
א געזאנג פון טויזענד אין איין נאכטיגען כישוף,
פון איהר און צו איהר, פון אונז און צו אונז.
ניי בלוט. רויט בלוט. עס בלוטיגט די שטילקייט
געוויגט פון איהר ווערטערקלאפּ, און אונזער אטעם קלאפּט:
איז געווען, און געווען, און אזוי איז געווען,
דאָס וואָס געדארפט איז געווען.

כא.

די גאלאנטען פון בריסק פארזאמעלט ביי די פענסטער,
וואָס רעדען אין רוסיש, שניידען אָפּ אין א שווייגען,
און זעהען וואָס מיר אלע זעהען:
א קינד איין טאָג ניט אלט, קאלט און בלאס,
מיט איין טראָפּען בלוט, ניי בלוט, רויט בלוט,
וואָס קיהלט זיך און שווארצט און גליווערט אין קנייטשען.
מאמעס שארפע וואָלפענציינער קריצען בייז
צום טאטען פון זינד און צום קינד פון זינד,
און צו די זינד וואָס איז געשטאָרבען פון איהר האנד,
ווייל אזוי האָט זי געוואָלט.

כב.

די גאַלאַנטען פון בריסק, איז דאָך די חנה׳לע צו זיי
געווען א תורה שבת טאָג און מאָנטאג און דאָנערשטאג,
צו וועמען צו זינגען שטילע לידער פון ליב,
צו וועמען צו שיקען שטילע אויגען פון געבעט,
צו וועמען זייער חבר זאָל ברענגען זייער נאָמען,
און בינדען מיט איהר נאָמען צוזאמען. —
די גאַלאַנטען פון בריסק וואָס זינגען איהר נאָמען,
זיי האָבען זייער שליחות פארלאָרען. —
עס איז געווען א נעץ, זייער חבר און די חנה׳לע
האָבען ניט געזעהן און האָבען ניט געוואוסט.
וועבט זיך א זינד, וועבט זיך א געזאנג,
ציהט דער געזאנג אוים די כחות,
בלייבט איבער געזאנג מיט א נעץ, אין א נעץ.
אזוי איז זינד געגאנגען און געוואָרען געפאנגען
אין נעץ,
און געזאנג איז געבליבען —
געזאנג.

כג.

ווערט רייגער דער טונקעל, און ווייסער פון טאָג
די ליכט פון דעם צימער און חנה'לעס גלאַנץ.
און די ווייכע אויגען וואָס פאַלען אין געוואַשענע אומשולד,
די ווייכע אויגען וואָס פלאָנטערען זיך אין אונז אין זייער
גראַציע,
די ווייכע אויגען וואָס זינגען געזאַנגען
אין דעם געזאַנג פון געזאַנגען,
די ווייכע אויגען ווערען ווידער שטיל, פארגעסען זייער וויל.
אָבער מיר ווייסען וואַרום וואָס זיי ווילען:
אויף די בולוואַרען דאָרטען ציהען נייע בלימלעך
אויף די גראָבענס וואָס ציהען זיך ווייט אוועק
מיט גראָז־טאָלען.
נייע בוימלעך ציהען העכער און וואַקסען העכער,
ביז דער טאָג קומט מאָרגען,
קומט ער בלייכער, בלייך און ליכטיג, ריכטיג
צו דער צייט, קען דאָך אַנדערש גאָר ניט זיין. — —

איז דאָ גאָר גאס און הימעל ווייט,
שול הויף ביז ארויף, ביז די נייע בולווארען,
רב׳ס שטים הערט זיך גאנץ, פון ווייט ביז אומעטום,
ביז די יונגען וואָס געהען מיט שטעקלעך דאָרט ארום.
זיי רעדען פון אידען, און ער רעדט פון אידען,
איז אזוי ווי זיי רעדען אלע איין זאך,
נאָר יענע רעדען מיט שטעקלעך, און די הענט
רוהען ניט, און פלאקער פייער ברענט,
אויגען מיט ווערטער ברענען. —
און ער איז באזאכט, כמעט פארטראכט,
און אָט לאכט ער אין זיין ווייכקייט, ווייל ער ווייסט,
אז דער רמב״ם און דער ראב״ד שלאָגען זיך פונקט
אויף דעם פונקט,
ער ווייסט א ירושלמי מיט א משנה,
און דער אלשיך איז אויך אין מיטען.
ווערט ליכטיג פון זיין אויג אויף די קנייטשען פון זיין שטערען,
ווייל אלץ איז ווי ער האָט געוואָלט.

כד.

און חנה׳לע און איהר ווייס זיידען קלייד
איז גאָר ניטאָ. אפשר פארלאָרען געוואָרען
אין דעם לעצטען קלאנג פון איהר געזאנג;
אפשר — אין דער גרויסער הויז
וואָס קומט ארויס און פאלט אריין אין שול הויף
ווייט ארויף, ביז די שטימען וואָס קומען און ווערען
איין שטים, אונזער שטים אויף אונזער גרויס וועלט?
חנה׳לע, אונזער חנה׳לע! —
פון אונז און צו אונז וועט נאָך לאנג, ביז לאנג,
קלינגען דער זינגען פון דיין געזאנג,
וואָס ברעכט זיך און פאלט אזוי אוועק ביז אונזער ווייט.
חנה׳לע, מיט אונז,
פון דיר צו אונז, מיט דיר און מיט אונז,
דיין ליכטיג וואָרט,
ליכטיג,
ליכטיג,
וואָרט.

ערשינען אין פארלאג לעבען

יונג אמעריקא

פארטרעטען און קריטיקען

פון נח שטיינבערג

מיט א פארווארט פון ב. ריווקין

צווייטע אויפלאגע:

אין קינדער לאנד

קינדער לידער

פון לאה ק. האפמאן

מיט אן איינלייטונג פון אברהם רייזען

צייכענונגען פון א. וואקלקאוויטש און יואל לעוויט

אויף די וועגען פון ווינט

פון נח שטיינבערג

מיט צייכענונגען פון ז. מאוד

מיין שטאט בריסק

א ליד אין פיראונצוואנציג געזאנגען

פון הערמאן גאלד

פון א ליבע

פון נח שטיינבערג

באצירט פון ז. מאוד

ביכער וואס וועלען ערשיינען

ק ר י ט י ק

געשפרעכען וועגען לעבען, ליבע און טויט

פון נ ח ש ט י י נ ב ע ר ג

פרייז $2.50

פאר סובסקרייבער $2.00.

קליינע אין דער גרויסער וועלט

ערצעהלונגען פון קינדער לעבען

פון ל א ה ק. ה א פ מ א ן

מיט בילדער פון די בעסטע קינסטלער

פרייז $2.00

פאר סובסקרייבער $1.75

די נייע אידישע פאעזיע

א קריטישע אנטאלאגיע

פון נ ח ש ט י י נ ב ר ג

פרייז $3.00

פאר סובסקרייבער $2.25

עס ווערען פארפערטיגט צום דרוק קליינע ביכלעך פון :

פרץ הירשביין, א. ראבאי, י. אפאטאשו, י. קיסין,
דוד איגנאטאוו, הערמאן גאלד, אל. גוריה, לאה ק.
האפמאן, נח שטיינבערג און אנדערע.

פארלאג לעבען

c|o D. Pinsky, 84 Bowery, New York.